Ani Maamin

The Dovi Steinmetz INITIATIVE

לעילוי נשמת

Dovi Steinmetz ז"ל

## יששכר דוב בעריש ז"ל בן שלמה עמו"ש

נפטר לג' בעומר תשפ"א- באתרא קדישא מירון ת.נ.צ.ב.ה.

# שלשה עשר עקרים

### אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,

שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים,
וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז דער באשעפער געלויבט איז זיין נאמען ער באשאפט און פירט אלע באשעפענישן, און נאר ער אליין האט באשאפן און טוט באשאפן, און ער וועט באשאפן אלע געשעהנישן.

### אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,

שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא יָחִיד וְאֵין יְחִידוּת כָּמוֹהוּ בְּשׁוּם פָּנִים,
וְהוּא לְבַדּוֹ אֱלֹקֵינוּ, הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז דער באשעפער געלויבט איז זיין נאמען ער איז איין-איינציג און עס ויז נישט דא אזא איינציגקייט אזוי ווי אים אין קיין שום מעגליכקייט, און נאאר ער אליין איז אונזער גאט, ער איז אייביג געווען ער איז שטענדיג דא און ער וועט אייביג זיין.

### אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,

שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף,
וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז דער באשעפער געלויבט איז זיין נאמען ער איז נישט קיין קערפער, און עס דערגרייכן אים נישט צו די זאכן וואס דערגרייכן א קערפער, און עס איז נישט דא צו אים קיין שום ענליכקייט.

### אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,

שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא רִאשׁוֹן וְהוּא אַחֲרוֹן.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז דער באשעפער געלויבט איז זיין נאמען ער איז דער ערשטער און ער וועט זיין דער לעצטער.

### אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,

שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל,
וְאֵין לְזוּלָתוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז דער באשעפער געלויבט איז זיין נאמען נאר צו אים אליין איז פאסיג צו דאווענען און עס איז נישט פאסיג צו דאווענען נאר צו אים.

### אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,

שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים אֱמֶת.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז אלע רייד פון די נביאים זענען ריכטיג.

**אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,**

שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָיְתָה אֲמִתִּית,
וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים, לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו וְלַבָּאִים אַחֲרָיו.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז די נבואה פון משה רבינו עליו השלום איז געווען ריכטיג און אז ער איז געווען דער גרעסטער פון די נביאים, צו וועלכע זענען געווען פאר אים און צו די וועלכע וועלן זיין נאך אים.

**אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,**

שֶׁכָּל הַתּוֹרָה הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ
הִיא הַנְּתוּנָה לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז די גאנצע תורה וואס געפינט זיך יעצט אין אונזערע הענט, זי איז וואס איז געגעבן געווארן צו משה רבינו עליו השלום.

**אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,**

שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת וְלֹא תְהֵא תּוֹרָה אַחֶרֶת
מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז די דאזיגע תורה וועט נישט פארטוישט ווערן, און עס וועט קיין אנדערע תורה נישט זיין פון דעם באשעפער געלויבט איז זיין נאמען.

**אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,**

שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְנֵי אָדָם וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם,
שֶׁנֶּאֱמַר: הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם, הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז דער באשעפער געלויבט איז זיין נאמען ער ווייסט אלע מעשים פון מענטשן און אלע זייערע געדאנקען, אזוי ווי עס שטייט ער האט באשאפן צוזאמען זייערע הערצער, ער פארשטייט אלעס וואס זיי טוהן.

**אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,**

שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ גּוֹמֵל טוֹב לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו וּמַעֲנִישׁ לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז דער באשעפער געלויבט איז זיין נאמען ער באלוינט גוט,ס פאר די וועלכע היטן זיינע מצוות און ער באשטראפט פאר די וועלכע זענען עובר אויף זיינע מצוות.

**אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,**

בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ, עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לּוֹ בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבוֹא.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אין דעם אנקומען פון משיח און כאטש ער פארזוימט זיך, מיט דעם אלעםווארט אך אויף אים יעדן טאג אז ער זאל קומען.

**אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,**

שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ
וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים.

איך גלייב מיט א גאנצע אמונה אז עס וועט זיין תחיית המתים ווען עס וועט זיין דער ווילן פון דעם באשעפער געלויבט איז זיין נאמען און עס זאל דערהויבן ווערן זיין אנדענק אויף אלעמאל און ביז אייביגע אייביגקייטן.

לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי ה׳. קִוִּיתִי ה׳ לִישׁוּעָתְךָ. ה׳ לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי.
לְפוּרְקָנָךְ סַבָּרִית ה׳. סַבָּרִית ה׳ לְפוּרְקָנָךְ. ה׳ לְפוּרְקָנָךְ סַבָּרִית.

---

פאר מער אינפראמאציע וועגן די אני מאמין אינציאיטיוו, באזוכט .animaamin.net